STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02204

VOS YEDE FROY DARF VISEN VEGEN BIRGERSHAFT

Cecilia Razovsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אינפארמאציע פאר אימיגראנטען
נומער 2

וואס יעדע פרוי דארף וויסען וועגען בירגערשאפט

פון
סעסיליא ראזאווסקי

אַרויסגעגעבען פון
אימיגראַנטען הילף אָפּטיילונג
ניישאָנאַל קאָונסיל אָוו דזשואיש ווימען
799 בראָדוויי, ניו יאָרק
1926

פאָרוואָרט

דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, איז אין די פאַראייניגטע שטאַטען דורכגעפיהרט געוואָרען אַ געזעץ, וואָס איז באַקאַנט אַלס דער „קייבעל עקט", און וואָס האָט געהאַט אַן אומגעהויערע באַדייטונג פאַר די פרויען פון דער גאַנצער וועלט. דאָס געזעץ איז וועגען אומאָפּהענגיגער בירגערשאַפט פאַר פאַרהייראַטע פרויען. עס איז איינפאַך צום שטוינען, וואָס איצט, דריי יאָהר נאָך דער דורכפיהרונג פון דעם געזעץ, ווייסען גאָר אַ סך פרויען ניט וועגען דער גרויסער ענדערונג, וואָס דאָס געזעץ האָט געמאַכט אין זייער בירגערשאַפט סטאַטוס. ווען דאָס וואָלט נאָר געווען אַזוי צווישען די וואָס זיינען ניט לאַנג אהער געקומען, וואָלט מען דאָס לייכט געקאָנט דערקלערען. צום באַדויערען אָבער שטעלט זיך ארויס, אז הי־געבאָרענע פרויען, אַזוי גוט ווי פרויען, וואָס זיינען דאָ אָפּגעוועזען אַ סך יאָהרען, ווייסען פונקט אַזוי װעניג וועגען דעם נייעם געזעץ. עס איז דאַריבער קלאָר, אַז, כאָטש דער „קייבעל עקט" איז אַזוי פיל דיסקוטירט געוואָרען אין דער עפענטליכקייט, איז נאָך אַלץ נויטיג צו אַנאַליזירען די פונקטען פון דעם געזעץ און פאַרשפּרייטען אינפאָרמאַציע וועגען בירגערשאַפט געזעץ און דער פּראָצעדור פאַר הי־געבאָרענע אַזוי גוט ווי פרעמדגעבאָרענע פרויען.

לויט דעם ערשטען פונקט פון דעם „קייבעל עקט", טאָר מען ביי קיין פרוי ניט צונעמען אָדער פאַרמינערען איהר רעכט צו ווערען אַ נאַטוראַליזירטע בירגערין פון די פאַראייניגטע שטאַטען צוליב איהר געשלעכט אָדער איהר פאַמיליען סטאַטוס. דער הויפּט צוועק פון דעם געזעץ איז געווען צו געבען די פרויען, אויף ווי ווייט מעגליך, בירגערשאַפט גלייך מיט מענער, אָבער צוליב אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּליקאַציעס איז געווען אוממעגליך דורכצופיהרען איין גלייכען געזעץ פאַר מענער און פרויען, פאַרהייראַטע און איינצעלנע. דאַריבער זעהען מיר, אַז אונזערע בירגערשאַפט געזעצען ווייזען אָן איין וועג פאַר מענער, און פאַר פרויען ווערען אָנגעגעבען צוויי וועגען, איינער פאַר אַ ווייב און אַ צווייטער פאַר אַ מיידעל.

FOREWORD

On September 22, 1922, there was enacted into a law of the United States a bill known as the Cable Act, which has had a far-reaching effect on women the world over. This law provides for the independent citizenship of married women. It is astonishing to find that three years after the operation of the law large numbers of women are still unaware of the change wrought in their citizenship status by the enactment of this measure. If this lack of understanding prevailed only among recent arrivals to this country, it might easily be explained, but unfortunately it appears that women born in this country, as well as women who have lived here many years, are equally ignorant of the significance of the new law. It is therefore evident that, in spite of such publicity as has already been given to the Cable Act, there is further need for analyzing the provisions of this Act and for popularizing information regarding naturalization legislation and procedure as applied to women, native as well as foreign-born.

The first clause of the Cable Act provides that the right of any woman to become a naturalized citizen of the United States may not be denied or abridged by reason of her sex or marital status. The main purpose in enacting this law was to grant women, in so far as it is possible, citizenship on equal terms with men. Because of international complications, however, it has not been possible to enact a law applicable to men and women alike, married and single, so that we find that our naturalization laws make provision for but one path to citizenship for men, while they provide two for women, compelling the wife to take one road, the maid another.

כאָטש מען מוז צוגעבען, אז א הי־געבאָרענע אָדער א נאטור־ראַליזירטע בירגערין, וואָס איז די פרוי פון אַן אויסלענדער, געווינט זעהר א סך פון דעם נייעם געזעץ, דאָך קאָן אפילו זי נים האָבען אַלע פּריווילעגיעס, וואָס עס האָט א מאַן בירגער פון די פּאַראייניגטע שטאַטען. פון דער אַנדער זייט, האָט איצט די פרוי פון א בירגער געוויסע פּריווילעגיעס ביים נאַטוראַליזירען זיך, וואָס א פרעמד־געבאָרענער מאַן האָט ניט. ניט קוקענדיג אויף אָט די פּריווילעגיעס, מוז מען גערענקען, אז די פרעמד־געבאָרענע פרוי פון א בירגער קאָן מעהר ניט פאָדערען געוויסע בירגערליכע רעכט און פּאָליטישע פּריווילעגיעס, וואָס זי האָט באַקומען אויטאָמאַטיש פאַר דער דורכפיהרונג פון דעם „קייבעל עקט“.

דער צוועק פון אָט דעם ביכעל איז צו אַנאַליזירען די פּונקטען פון דעם נייעם געזעץ און דערקלערען זיי ניט נאָר פאַר די פרעמד־געבאָרענע פרויען, נאָר פאַר די הי־געבאָרענע אויך. ספּעציעל פאַר אַזעלכע פרעמד־געבאָרענע פרויען, וואָס קענען ניט לייענען קיין ענגליש, איז צוגעגרייט געוואָרען די איצטיגע ענגליש־אידישע אויסגאַבע. אַזאַ אויסגאַבע וועט האָפענטליך זיין ניצליך אַלס לעהרביכעל פאַר די פרויען, וואָס באַזוכען די קלאַסען פון ענגליש פאַר אימיגראַנטען.

עס איז צו האָפען, אז חוץ אַלעמען, וועט די בראָשור זיין נאָך ניצליך מיט דעם, וואָס זי וועט צווישען די פרעמד־געבאָרענע אויפוועקען א פאַרלאַנג צוצוגרייטען זיך פאַר בירגערשאַפט אין דעם לאַנד, וואו זיי האָבען געמאַכט זייער שטענדיגע היים.

פ ל אָ ר י נ אַ ל אַ ס ק ע ר,
פאָרזיצערין.

Although it must be admitted that a woman citizen—American born or naturalized—who becomes the wife of an alien, benefits in a number of ways by the provisions of the new law, nevertheless even she cannot claim all the privileges granted a male citizen of the United States. On the other hand, an alien who is married to a citizen now enjoys certain advantages in the matter of naturalization which are denied an alien man. In spite of the advantages referred to, it must be remembered that the foreign-born wife of a citizen can no longer claim certain civil rights and political privileges which were automatically bestowed on her prior to the passage of the Cable Act.

It is the purpose of this pamphlet to analyze the provisions of this law for the benefit not only of foreign-born women, but for native-born as well. In order to reach foreign-born women effectively, an attempt has been made to explain in simple English the difficulties confronting them since the passage of the Cable Act—difficulties which can only be removed by the naturalization of these women.

It is hoped that, aside from any other purpose, this pamphlet will be of service in fostering among the foreign-born a desire to prepare themselves for citizenship in the land of their permanent residence. For the special benefit of foreign women, unable to read English fluently, we are issuing a Yiddish-English edition of this pamphlet. Such an edition, aside from the use already suggested, may be found serviceable as a text-book for students enrolled in English to Foreigners Classes.

FLORINA LASKER,
Chairman.

May 15, 1926.

בין איך אַן אַמעריקאַנער בירגערין?

יעדע איינציגע פרוי, יעדע פאַרהייראַטע פרוי, יעדע אלמנה,—קורץ, יעדע פרוי וואָס וואוינט דאָ אין לאַנד, דאַרף זיך שטעלען אָט די פראַגע.

פאַרוואָס? ווייל דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, האָט קאָנגרעס דורכגעפיהרט אַ געזעץ, וואָס רופט זיך דער „קייבעל עקט", און לויט וועלכען נייע כללים זיינען איינגעשטעלט געוואָרען פאַר פרויען בירגערשאַפט. יעדע פרוי אין די פאַראייניגטע שטאַטען דאַרף דאָס געזעץ פאַרשטעהן. זי קאָן קיינמאָל ניט וויסען, ווען דאָס געזעץ וועט זיין וויכטיג גראָד פאַר איהר.

שטעלט אייך פאָר, אַז מען האָט אייך געשטעלט די פאָלגענדיגע פראַגען — וויפיעל פון זיי וואָלט איהר גע־ענטפערט ריכטיג?

ווען אַ פרוי, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, הייראַט אַ מאַן, וואָס איז ניט קיין אַמעריקאַנער בירגער, פאַרלירט זי דערביי איהר בירגערשאַפט, אָדער בלייבט זי אַ בירגערין?

ווען אַ הי־געבאָרענע פרוי הייראַט אַ כינעזער אָדער אַ הינדו, בלייבט זי נאָך אַלץ אַן אַמעריקאַנער בירגערין?

אויב אַ פרעמדגעבאָרענע פרוי קומט אין די פאַראייניגטע שטאַטען און הייראַט אַן אַמעריקאַנער בירגער, ווערט זי אַ בירגערין דורך דער הייראַט?

Am I An American Citizen?

Every single woman, every married woman, every widow — in fact, every woman living in this country—should ask herself this question.

Why? Because on **September 22, 1922,** Congress passed a law called THE CABLE ACT, which makes new provisions for the citizenship of women in this country. Every woman in the United States should understand this law. She can never tell when she will be affected by it.

Suppose you were asked these questions —how many of them do you think you could answer correctly?

> If a woman who was born in the United States marries a man who is not an American citizen, does she lose her own American nationality, or does she keep it?
>
> If a woman who was born in the United States marries a Chinese or a Hindu, does she still remain an American citizen?
>
> If a woman who was born abroad comes to the United States and marries an American citizen, does she become an American citizen because of her marriage?

אויב אַ פרעמדגעבאָרענע פרוי האָט געהייראַט אַן אַמעריקאַנער בירגער נאָך איידער דער „קייבעל עקט" איז דורכגעגאַנגען, איז זי איצט אַן אַמעריקאַנער בירגערין?

מען מוז גרינטליך דורכשטודירען דאָס געזעץ, כדי צו וויסען דעם ריכטיגען ענטפער אויף יעדער פראַגע.

דער „קייבעל עקט" גיט דאָס רעכט אויף אומאָפּהענגיגע בירגערשאַפט צו יעדער פאַרהייראַטער פרוי. אַ פרוי'ס נאַציאָנאַליטעט אָדער בירגערשאַפט הענגט מעהר ניט אָפּ פון דער נאַציאָנאַליטעט אָדער בירגערשאַפט פון איהר מאַן.

גערעדענקט דעם דאַטום ווען דאָס
געזעץ איז דורכגעפיהרט געוואָרען —
סעפּטעמבער 22, 1922.

If a woman who was born abroad was married to an American citizen before the Cable Act was passed, is she an American citizen now?

It is necessary to study this law carefully to learn the answers to these questions.

The Cable Act gives the right of independent citizenship to all married women. A woman's nationality or citizenship does not depend any more upon the nationality or citizenship of her husband.

Remember the Date When This Law Was Passed: SEPTEMBER TWENTY-SECOND, 1922.

בירגערשאַפט פון פאַרהייראַטע פרויען — פון הי־געבאָרענע און פון אַזעלכע, וואָס זיינען גע־וואָרען בירגערינס פאַר זייער הייראַט

יעדער פּערזאָן, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, איז אַ בירגער פון לאַנד. אַזאַ רעכט ווערט געגעבען לויט דער קאָנסטיטוציע פון די פאַר־אייניגטע שטאַטען.

חוץ די געהעריגע פּונקטען וועגן בירגערשאַפט אין דער קאָנסטיטוציע, זיינען נאָך פאַראַן אַנדערע בירגער־שאַפט געזעצען, וואָס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען פון קאָנגרעס. אָט די געזעצען זיינען: די נאַטוראַליזאַציע געזעצען און דער „קייבעל עקט". די נאַטוראַליזאַציע גע־זעצען זיינען נוגע מענער, פרויען און קינדער. דער „קיי־בעל עקט", וואָס איז אַ צוגאָב צו די נאַטוראַליזאַציע גע־זעצען, איז אַנווענדבאַר נאָר אויף פאַרהייראַטע פרויען.

איידער דער „קייבעל עקט" איז דורכגעפיהרט געוואָרען, האָט אַ הי־געבאָרענע פרוי אָדער אַ נאַטוראַליזירטע ביר־גערין פאַרלאָרען איהר בירגערשאַפט, ווען זי האָט גע־הייראַט מיט איינעם, וואָס איז ניט קיין בירגער. דער „קייבעל עקט" ענדערט די סיטואַציע. איצט, ווען אַ ביר־גערין הייראַט מיט איינעם, וואָס איז ניט קיין בירגער, בלייבט זי נאָך אַלץ אַ בירגערין. איהר הייראַט ענדערט ניט איהר בירגערשאַפט, סיידען זי גיט עס אַליין אויף פרייוויליג, אָדער סיידען זי האָט חתונה מיט אַ כינעזער, אַ יאַפּאַנעזער, אָדער אַ הינדו. זי פאַרלירט דעמאָלט איהר

Citizenship of Married Women

Those Born in the United States and Those Naturalized Before Marriage

Any person born in the United States is a citizen of the United States. The Constitution of this country confers this right.

In addition to the provisions in the Constitution, there are other laws regulating citizenship which have been passed by the Congress. These laws are known as the Naturalization Laws and as the Cable Act. The Naturalization Laws apply to men, women and children. The Cable Act, which has been added to the Naturalization Laws, refers to the citizenship of women, especially married women.

Before the Cable Act was passed, a native American woman or a naturalized woman citizen lost her citizenship upon marriage to a man who is **not** a citizen of this country. The Cable Act now changes this situation. It provides that if a woman citizen marries a man who is **not** a citizen of this country,

בירגערשאַפט הערפאַר, ווייל אַ כינעזער, אַ יאַפּאַנעזער אָדער אַ הינדו קאָן ניט ווערען קיין בירגער, סיידען ער איז דאָ געבאָרען געוואָרען.

פאַר 1922, ווען בירגערינס האָבען געהייראַט מיט דייטשען, רוסען אָדער בראַזיליאַנער, אָדער מיט עמיצען פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, זיינען זיי געווען גע־צוואונגען אָנצונעמען די נאַציאָנאַליטעט פון זייער מאַן. אין דער צייט פון לעצטען קריג האָט מען דאָ געהאַט צרות צוליב דעם. אַ סך אַמעריקאַנערינס, וואָס האָבען חתונה געהאַט מיט דייטשען אָדער עסטרייכער, זיינען פאַררע־כענט געוואָרען פאַר שונאים פון די פאַראייניגטע שטאַטען. דורך זייער הייראַט זיינען זיי געוואָרען דייטשקעס אָדער עסטרייכערינס. אַ סך פון זיי האָבען פאַרלאָרען זייער אייגענטום. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס אַלץ האָט זיי געמאַכט זעהר אומגליקליך. איצט קאָנען שוין מעהר אַזעלכע אומגליקען ניט זיין, ווייל דאָס געזעץ איז געענדערט געוואָרען.

לאָמיר אָננעמען, אַז אַ בירגערין, וואָס האָט חתונה גע־האַט מיט אַ פרעמדען פאַר דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, און האָט אויף אַזאַ אופן פאַרלאָרען איהר בירגערשאַפט, זויל איצט צוריק ווערען אַ בירגערין. וואָס דאַרף זי טאָן?

ערשטענס: זי מוז אַריינגעבען אַן אַפּליקאַציע פאַר די צווייטע פּאַפּירען אין נאַטוראַליזאַציע ביוראָ פון איהר שטאַט. זי מוז ווייזען איהר געבורטס צייגנים און חתונה צייג־נים. זי מוז אויך באַווייזען, אַז זי האָט

she remains an American citizen. Her marriage does not change her citizenship, unless she gives it up willingly, or unless she marries a Chinese, a Japanese or a Hindu. She loses her citizenship then because Chinese, Japanese and Hindus cannot become citizens of this country unless they were born here.

Before 1922, women citizens who married Germans, or Russians, or Brazilians, or men of other nationalities, were forced to accept the nationality of the husband's country. During the Great War this led to much trouble. Many American women who had married Germans or Austrians were classed as enemies of the United States. They had become Germans or Austrians by marriage. Many of them lost their property. They were, of course, very unhappy. Now they need no longer be unhappy, because the law is changed.

Suppose a woman citizen, who had married a foreigner before September 22, 1922, and had thus lost her citizenship, now wants to have her American citizenship given back to her. How can she do this?

געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאַטען וועניגסטענס איין יאָהר, איידער זי האָט אָנגעגעבען איהר אַפּליקאַציע פאַר די לעצטע בירגערשאַפט פּאַפּירען.

צ ו ו י י ט ע נ ס: זי מוז דורכמאַכען אַן עקזאַמען פון אַ נאַטוראַליזאַציע ריכטער, כדי צו באַווייזען, אַז זי איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון לאַנד און מיט זיינע געזעצען. דער עקזאַמען קאָן איהר געגעבען ווערען ניינציג טעג נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעגעבען אַן אַפּליקאַציע פאַר בירגערשאַפט.

איז אויב איהר זייט געווען אַ בירגערין, און איהר האָט פאַרלאָרען אייער אַמעריקאַנער בירגערשאַפט, ווייל איהר האָט חתונה געהאַט מיט אַ ניט בירגער, קאָנט איהר צוריק ווערען אַ בירגערין, סיידען איהר האָט חתונה געהאַט מיט אַ כינעזער, אַ יאַפּאַנעזער אָדער אַ הינדו. אויב איהר ווילט, מען זאָל אייך צוריקגעבען אייער אַמעריקאַנער בירגערשאַפט, מוזט איהר אויסשרייבען אַ פאַרמעלע בקשה. א י ה ר ד אַ ר פ ט נ י ט אָ נ ג ע ב ע ן ק י י ן ע ר ש ט ע פּ אַ פּ י ר ע ן, אָ ד ע ר „אָ פּ ז י כ ט ד ע ק ל אַ ר אַ צ י ע".

First: She must make an application for final papers to the Naturalization Bureau of her city.

She must show her birth certificate and her marriage certificate.

She must also show that she has lived in the United States for at least one continuous year immediately before she files her application.

Second: She must pass an examination given her by the Naturalization Judge, to show that she is familiar with the history of this country and with its laws. This examination may take place ninety days after she makes her application for citizenship.

Thus, if you were an American citizen and lost your American citizenship because you married a man who was not a citizen, you may again become an American citizen —unless you have married a Chinese, a Japanese, or a Hindu. If you wish your American citizenship given back to you, you must make an official request for it. **You do not need to file first papers or Declaration of Intention.**

וואָס הי־געבאָרענע פרויען דאַרפען וויסען

אָבער אויב אפילו איהר זייט געבאָרען געוואָרען דאָ אין לאַנד, און איהר האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרעמדען און דערנאָך ווידער געוואָרען אַ בירגערין אויף דעם אויבען באַשריבענעם אופן, דאַרפט איהר געדענקען, אַז איהר זייט ניט מעהר ווי אַ נ אַ ט ו ר אַ ל י ז י ר ט ע בירגערין. אייערע רעכט אַלס נ אַ ט י ר ל י כ ע בירגערין האָט איהר פאַרלאָרען. איהר ווייסט דאָך, אַז עס זיינען דאָ אין לאַנד פאַראַן צוויייערליי בירגער. איין מין בירגער זיינען די, וואָס זיינען דאָ געבאָרען געוואָרען,—זיי זיינען די נאַטיר־ליכע בירגער. צום צווייטען מין בירגער געהערען די, וואָס האָבען זיך נאַטוראַליזירט, — זיי זיינען נאַטוראַלי־זירטע בירגער.

און אמאָל איז טאַקי ניט אַלץ איינס, צי איהר זייט אַ נ אַ ט י ר ל י כ ע ר בירגער אָדער אַ נ אַ ט ו ר אַ ל י־ז י ר ט ע ר. אַ נ אַ ט י ר ל י כ ע ר אַמעריקאַנער ביר־גער, ווען ער פאַרלאָזט די פאַראייניגטע שטאַטען צוליב געשעפט אָדער צוליב פערזענליכע טעמים, און ער באַ־זעצט זיך אין אויסלאַנד אויף שטענדיג, קאָן ער אַלץ אָנ־האַלטען זיין (אָדער איהר) אַמעריקאַנער נאַציאָנאַליטעט. ווען אָבער אַ נ אַ ט ו ר אַ ל י ז י ר ט ע ר בירגער פאַר־לאָזט די פאַראייניגטע שטאַטען, פאַרלירט ער זיין (אָדער איהר) אַמעריקאַנער בירגערשאַפט, אויב ער וואוינט אָפּ אין אויסלאַנד פינף יאָהר, און אין איניגע פאַלען אפילו נאָך צוויי יאָהר.

דאַריבער, אויב איהר זייט שוין אַ נאַטוראַליזירטע ביר־גערין, דאַרפט איהר זיין פאָרזיכטיג און ניט בלייבען צו

A Special Word to Married Women Born in the United States

But, even though you were born in this country and after marriage to a foreigner have again become an American citizen by taking the steps which we have outlined, you must remember that you are only a **naturalized** citizen. You have lost your rights as a **natural** citizen of this country. You know there are two kinds of citizens of this country. One kind consists of those who were born here—they are **natural** citizens; the other kind are those who have been naturalized—these are **naturalized** citizens.

Now, sometimes, it makes a difference whether you are a **natural** citizen or a **naturalized** citizen. A **natural** American citizen, who leaves the United States for business or personal reasons and resides abroad permanently, may still keep his or her American nationality. A **naturalized** American citizen, who leaves the United States, loses his or her American citizenship if he or she lives abroad for five years, or in certain cases even for two years.

לאַנג אין אויסלאַנד, ווייל איהר קאָנט נאָך ווידער פאַר־
לירען אייער בירגערשאַפט.

נעמט אומבאַדינגט אַרוים אייערע ביר־
גערשאַפט פּאַפּירען, אויב איהר האָט
אייער בירגערשאַפט פאַרלאָרען, ווייל
איהר האָט חתונה געהאַט פאַר דעם
22טען סעפּטעמבער, 1922, מיט איי־
נעם, וואָס איז ניט קיין בירגער.

If you are a naturalized citizen, therefore, you must be careful not to remain away from this country too long or you will again lose your citizenship.

Be sure to become naturalized if you have lost your American citizenship by marrying, before September 22, 1922, a man who was not a citizen of this country.

וועגען בירגערשאַפט פון פאַרהייראַטע פרויען, וואָס זיינען פאַר זייער חתונה קיין בירגערינס ניט געווען

ווי אַזוי קאָנען פאַרהייראַטע פרויען פון פרעמדער נאַציאָנאַליטעט ווערען בירגערינס?

יעדע פאַרהייראַטע פרוי פון דער ווייסער אָדער אַפריקאַנישער ראַסע, וואָס איז ניט געבאָרען געוואָרען דאָ אין לאַנד, קאָן ווערען אַ נאַטוראַליזירטע בירגערין.

אויב זי האָט פאַר דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער בירגער, אַ נאַטירליכען אָדער אַ נאַטוראַליזירטען, איז זי שוין איצט אַ בירגערין.

אויב זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער בירגער נאָך דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, איז זי איצט ניט קיין אַמעריקאַנער בירגערין. זי מוז אַרויסנעמען איהרע בירגערשאַפט פּאַפּירען אויף איהר אייגענעם נאָמען, ווייל ערשט דעמאָלט ווערט זי אַ נאַטוראַליזירטע אַמעריקאַנערין.

אויב זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרעמדען, וואָס איז געוואָרען אַ בירגער נאָך דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, איז זי ניט קיין אַמעריקאַנער בירגערין. זי מוז אויף איהר אייגענעם נאָמען אַריינגעבען אַן אַפּליקאַציע פאַר איהרע בירגערשאַפט פּאַפּירען.

Citizenship of Married Women

Those Who Were Not Citizens Before Marriage

How may married women of foreign nationality become citizens?

Any married woman belonging to the white race or the African race who was not born in this country may become a naturalized American.

If she married an American citizen—native or naturalized—**before** September 22, 1922, and was herself eligible for citizenship, she **is** an American citizen now.

If she married an American citizen **since** September 22, 1922, she is **not** an American citizen now. She must take out her citizenship papers in her own name before she can become a naturalized American.

If she married a foreigner who has become an American citizen **since** September 22, 1922, she is **not** an American citizen. She must apply for her papers in her own name.

איידער דער „קייבעל עקט“ איז דורכגעפיהרט געוואָרען, איז אַ פרעמד־געבאָרענע פרוי געוואָרען אַן אַמעריקאַנער בירגערין, ווען איהר מאַן האָט זיך נאַטוראַליזירט. זי האָט ניט גערדאַרפט אָנגעבען קיין שום פּאַפּירען אויף איהר אייגענעם נאָמען. זי האָט ניט גערדאַרפט געהן אין נאַטוראַליזאַציע געריכט. זי האָט זיך אפילו ניט גערדאַרפט לערנען ענגליש. ווען דער מאַן האָט אָנגעגעבען זיין בקשה פאַר די לעצטע פּאַפּירען, האָט ער דעם ריכטער געזאָגט, וואָס זיין פרוי׳ס נאָמען איז. דער נאָמען פון דער פרוי פלעגט דעמאָלט געשטעלט ווערען אויף דעם מאַנ׳ס בירגערשאַפט דאָקומענט, און מאַן און פרוי זיינען געוואָרען בירגער צו דער זעלביגער צייט. אָבער דער „קייבעל עקט“ האָט דאָס געענדערט.

ה י י נ ט, אויב אייער מאַן איז געוואָרען אַ בירגער נאָך דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, מוזט איהר אַליין זאָרגען וועגען אייער בירגערשאַפט, סיידען איהר זייט געבאָרען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. אויב אפילו אייער מאַן איז ניט קיין בירגער און וויל קיין בירגער ניט ווערען, קאָנט א י ה ר אַריינגעבען אייערע אייגענע פּאַפּירען און ווערען אַ בירגערין אויף אייער אייגענעם נאָמען, ווי אַן אומאָפּהענגיגער מענש, פּונקט ווי איהר וואָלט געווען אומפאַרהייראַט. אויף זייט 30 פון אָט דעם ביכעל שטעהט, וואָס איהר דאַרפט טאָן אין אַזאַ פאַל.

איצט לאָמיר זעהן, וואָס עס דאַרף טאָן אַ פרעמד־געבאָרענע פאַרהייראַטע פרוי, כדי צו ווערען אַ בירגערין, אויב איהר מאַן האָט זיך נאַטוראַליזירט נ אָ ך דעם „קייבעל עקט“.

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל. אַ פרוי איז געבאָרען געוואָרען אין טשעכאָסלאָוואַקיע. זי האָט חתונה געהאַט מיט איינעם, וואָס איז געוואָרען אַ בירגער דעם 19טען

Before the Cable Act was passed, a foreign-born woman whose husband became naturalized also became a citizen of the United States. She did not have to file any papers in her own name; she did not have to go to the Naturalization Court; she did not even have to learn English. When her husband applied for his final papers and was admitted to citizenship by the court, his wife also became a citizen through the husband's naturalization. They both became citizens at the same time. But the Cable Act has changed this.

Now, if your husband has become a citizen since September 22, 1922, you must take care of your own citizenship, unless you were born in the United States. Even if your husband is not a citizen and does not wish to become a citizen, **you** may file your own papers and become a citizen in your own name as an independent human being, just as if you were a single woman. You must take the same steps that are required of a single woman. You will find on page 31 of this booklet just what steps are necessary.

אויגוסט, 1923. איהר מאַן איז אַ בירגער, אָבער ניט זי. זי וויל ווערען אַ בירגערין. אָט וואָס זי דאַרף טאָן.

ע ר ש ט ע נ ס: זי מוז געהן אין נעטוראַליזיישאָן ביוראָ מיט־ברענגענדיג איהר „מערידזש סוירטיפיקייט“ און איהר מאַנ׳ס בירגערשאַפט פּאַפּירען, און זי מוז אָנגעבען אַן אַפּליקאַציע פאַר איהרע צווייטע פּאַפּירען.

אויב זי איז אָנגעקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען נ אָ ך דעם 29טען יוני, 1906, מוז מען דעם פאַרטרעטער פון דער נעטוראַליזיישאָן ביוראָ געבען אַ „סויר־טיפיקייט אָוו עריייוועל“ מיט דעם דאַ־טום, ווען זי איז אַהער אָנגעקומען, און דעם נאָמען פון דער שטאָט, אין וועל־כער זי האָט געלאַנדעט. אָהן דעם „סוירטיפיקייט אָוו עריייוועל“ קאָן זי ניט אַריינגעבען קיין אַפּליקאַציע.

אַ פרוי, וואָס האָט פאַרלאָרען איהר ביר־גערשאַפט, ווייל זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרעמדען פ אַ ר דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, דאַרף נ י ט האָ־בען קיין „סוירטיפיקייט אָוו עריייוועל“, ווען זי פאַרלאַנגט איהרע בירגערשאַפט פּאַפּירען איצט,—אויב נאָר זי האָט אין פאַרלויף פון איהר פאַרהייראַטען לעבען געוואוינט דאָ אין לאַנד.

Now how does a foreign-born married woman become a citizen if her husband **has** been naturalized **since** the Cable Act was passed?

Let us take the case of a woman who was born in Czechoslovakia. She is married to a man who became a citizen on August 19, 1923. Her husband is a citizen, but she is not. She wants to become a citizen. This is what she must do:

First: She must go to the Naturalization Bureau with her marriage certificate and her husband's Naturalization Certificate.

She must then file an application for her second papers.

If she arrived in the United States *after* June 29, 1906, the representative of the Bureau of Naturalization must obtain a *Certificate of Arrival* which gives the date when she came here, the name of the steamer or railroad by which she arrived, and the name of the city where she landed. She may *not* file her papers without this Certificate of Arrival.

[A woman who lost her citizenship because she married an alien *be-*

זי מוז ברענגען צוויי עדות, וואָס זאָלען באַשטעטיגען, אַז זי האָט געוואוינט דאָ אין לאַנד אָהן אונטערברעכונג וועניג־סטענס איין יאָהר איידער זי האָט אריינגעגעבען איהרע פּאַפּירען, און אַז זי איז אַ פרוי מיט אַ גוטען מאָראַלישען כאַראַקטער.

זי דאַרף ניט האָבען די ערשטע פּאַפּירען, אָדער „אָפּזיכט דערקלערונג" (דעקלעריישאָן אָוו אינטענשאָן).

צווייטענס: זי מוז ווארטען ניינציג טעג, ביז מען וועט זי רופען אין געריכט פאַר אַן עקזאמען. אויב זי קאָן רעדען און פאַרשטעהן ענגליש און קען ענטפערען די פראַגען וועגען אונזער רעגירונג און אונזער געשיכטע, וואָס דער ריכטער וועט ביי איהר פרעגען, וועט מען איהר ארויסגעבען איהרע צווייטע (לעצטע) פּאַפּירען. און דעמאָלט ווערט זי אויך אַן אַמעריקאַנער בירגערין.

אין אַט דעם פאַל איז דאָס געזעץ גינסטיגער פאַר די פרויען. ווען אַ פרעמד־געבאָרענער מאַן האָט חתונה מיט אַן אַמעריקאַנער בירגערין, קאָן ער ניט באַקומען זיין „נעטוראַליזיישאָן סוירטיפיקייט" אַ יאָהר נאָכדעם ווי ער איז אָהער אָנגעקומען. אַ פרוי אָבער, ווען זי האָט חתונה מיט אַן אַמעריקאַנער בירגער, קאָן דאָס באַקומען אין איין יאָהר. דער מאַן מוז ווארטען פינף יאָהר, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַן אומפאַרהייראַטער אימיגראַנט.

fore September 22, 1922, does *not* require a Certificate of Arrival when she applies for her citizenship now, provided she has lived in this country during her married life.]

She must bring two witnesses to prove that she has lived in this country continuously for at least one year immediately before she files her papers, and that she is a woman of good moral character.

She does not need first papers or Declaration of Intention.

Second: She must wait ninety days, when she will be called to the court for an examination. If she can speak and understand English and can answer the questions about our government and our history which the judge puts to her, she will be granted her second or final papers. And then she, too, is an American citizen.

This is one time when the law favors women. If a foreign man marries a woman who is an American citizen, he cannot obtain his Naturalization Certificate one year after he arrives in this country. That is what a foreign-born woman married to an

אַ פאַרהייראַטע פרוי דאַרף זעהן, אַז איהר מאַן זאָל ווערען אַ בירגער וואָס שנעלער, ווייל דעמאָלט וועט זי דאַרפען ווארטען נאָר נײַנציג טעג נאָכדעם ווי איהר מאַן איז געוואָרען אַ בירגער, אויב נאָר זי האָט דאָ אין לאנד געוואוינט אַ יאָהר. עס פאַרשטעהט זיך, אַז זי מוז קענען רעדען ענגליש און דורכמאַכען דעם נאַטוראַליזאַציע עקזאַמען.

זעהט צו ווערען אַ בירגערין, אויב אייער מאַן איז געוואָרען אַ בירגער נאָך דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, אָדער אויב אייער מאַן איז ניט קיין בירגער.

American citizen can do. The man must wait five years, just as if he were a single man not married to an American woman.

It is a good thing for you to see that your husband becomes a citizen quickly, for you need wait only ninety days to get your papers after he receives his papers, provided you have lived in this country one year. Of course, that means that you must have learned to speak English so that you can pass the naturalization test.

Be sure to become naturalized if your husband has become a citizen since September 22, 1922, or if your husband is not a citizen.

וועגען בירגערשאַפט פון אומפאַרהייראַטע און פרעמד־געבאָרענע פרויען

ווי אַזוי קאָן אַן אומפאַרהייראַטע פרעמד־געבאָרענע פרוי ווערען אַ בירגערין? יעדע פרוי איבער 21 יאָהר אַלט, וואָס איז ניט געבאָרען דאָ אין לאַנד און וואָס געהערט צו דער וייסער אָדער אַפריקאַנישער ראַסע, קאָן ווערען אַ נאַטוראַליזירטע בירגערין פון די פאַראייניגטע שטאַטען. דערצו מוז זי נאָכקומען די זעלביגע פאָדערונגען, וואָס ווערען געשטעלט די מענער.

ע ר ש ט ע נ ס: זי מוז אויספילען אַן „אַפּזיכט דערקלערונג" (דעקלערײשאָן אָוו אינטענשאָן) פאַר דעם קלוירק פון נאַטוראַליזאַציע געריכט אין יענער ק א ו נ ט י, וואו זי וואוינט געזעצליך, און אויף אַזאַ אופן אַרויסנעמען איהרע ערשטע פּאַפּירען. זי מוז זיין װעניגסטענס 18 יאָהר אַלט, ווען זי נעמט אַזאַ שריט. אַ בלאַנק קאָפּיע פון דער פאָרם, וואָס דאַרף פאַר דעם צוועק באַנוצט ווערען, קאָן מען קריגען ביים פאָרשטעהער פון דער ביוראָ אָוו נעטורעליזיישאָן, אָדער אין אָפיס פון קלוירק פון דעם געריכט אין איהר דיסטריקט.

צ ו ו י י ט ע נ ס: זי מוז באַווייזען, אַז זי איז אַריינגעקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען אויף אַ געזעצליכען אופן.

Citizenship of Single Women

Those Who Are of Foreign Birth

How may single women of foreign nationality become citizens?

Any single woman 21 years of age or over, who was not born in this country and who belongs to the white race or the African race, may become a naturalized citizen of the United States. To do this she must satisfy the same requirements that are asked of men.

First: She must make a "Declaration of Intention" before the clerk of the Naturalization Court in the county where she legally resides, and in this way secure her first papers. She must be at least 18 years of age before she may take this step. A blank copy of the form to be used for this purpose may be obtained from the representative of the Bureau of Naturalization, or at the office of the clerk of the Court of her district.

Second: She must prove that she entered the United States legally.

דריטענס: זי מוז אָנגעבען אַ פּעטיציע פאַר איהרע לעצטע פּאַפּירען. אָבער איידער זי טוט דאָס, מוז זי באַווייזען, אַז זי האָט דאָ אין לאַנד געוואוינט וועניגסטענס פינף יאָהר, און אין דעם שטאַט, וואו עס געפינט זיך איהר היים, וועניגסטענס איין יאָהר. חוץ דעם, מוז זי וואַרטען צוויי יאָהר נאָכדעם ווי זי האָט באַקו־מען איהרע ערשטע פּאַפּירען, אָדער „דעקלערייישאָן אָוו אינטענשאָן", איידער זי פאַרלאַנגט איהרע לעצטע פּאַפּירען.

פערטענס: זי מוז באַזיצען אַ גוטען מאָראַלישען כאַ־ראַקטער און מוז מיטברענגען צוויי עדות, היגע בירגער, וואָס זאָלען פאַר איהר ערוב זיין.

פינפטענס: זי מוז דורכמאַכען איהר נאַטוראַליזאַציע עקזאַמען נײַנציג טעג נאָך איהר אַפּלי־קאַציע פאַר די צווייטע פּאַפּירען. דאָס מיינט, אַז זי מוז קענען רעדען און פאַרשטעהן ענגליש. זי מוז עפּעס ווי־סען וועגען דער געשיכטע און דער רע־גירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

אויב איהר מאַכט דורך דעם עקזאַמען און קומט נאָך די אַנדערע פאָדערונגען פון דער נעטורעליזיישאָן ביוראָ, קאָנט איהר באַקומען אייערע לעצטע פּאַפּירען, אָדער „נעטורעליזיישאָן סוירטיפיקייט". אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט אייך איבערגעגעבען אָט דעם ווערטפולען דאָ־קומענט, זייט איהר געוואָרען אַ בירגערין פון די פאַראיי־ניגטע שטאַטען.

Third: She must file a petition for her final papers, but before she does this, she must prove that she has lived in this country at least five years and in the state in which she has her home at least one year. Besides this, she must wait two years after she has obtained her first papers, or "Declaration of Intention," before she asks for her final papers.

Fourth: She must be of good moral character and must bring two witnesses, who are citizens of this country, to vouch for her.

Fifth: She must pass the naturalization test or examination ninety days after making her application for second papers. This means that she must know how to speak and understand English. She must know something of the history and government of the United States.

Thus, if you pass this test and comply with all other requirements of the Naturalization Bureau, you may obtain your final papers or Naturalization Certificate. When this valuable document is handed to you, you have become a citizen of the United States.

פאַר אומפאַרהייראַטע פרויען איז וויכטיג צו ווערען בירגערינס אויף זייער אייגענעם נאָמען. דאָ ניט לאַנג האָט אַ יונגע פרוי זיך נאָכגעפרעגט אויף אַ שטעלע. זי איז אַהער אַנגעקומען פון עסטרייך, ווען זי איז אַלט געווען דריי יאָהר. איהר פאָטער איז ניט קיין בירגער. זי האָט קיינמאָל אויף איהר נאָמען ניט געפּרואווט ווערען אַ בירגערין, כאָטש זי איז איצט אַלט 25 יאָהר. זי האָט איהר בילדונג באַקומען אין די אָנפאַנג שולען און אין איינעם פון אונזערע בעסטע אוניווערסיטעטען. די שטעלע, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט, איז געווען אַ גוטע, אָבער ווען מען האָט אויסגעפונען, אַז זי איז ניט געוואָרען קיין בירגערין, האָט מען איהר אָנטזאָגט, ווייל פאַר יענער אַרבייט נעמט מען אָן נאָר בירגער. ווען מען האָט זי געפרעגט, פאַרוואָס זי איז ניט געוואָרען קיין בירגערין, האָט זי געענטפערט, אַז דאָס איז געווען נאָר צוליב נאָכלעסיגקייט, ווייל זי פיהלט זיך שטענדיג דורכאויס ווי אַן אַמעריקאַנערין. איצט, אַז זי האָט דערזעהן, ווי וויכטיג די זאַך איז, האָט זי שוין גענומען שריט צו ווערען אַ בירגערין פאַקטיש, ניט נאָר אין הארצען.

זעהט צו נאַטוראַליזירען זיך, אויב איהר זייט אַ פרעמד־געבאָרענע, און אויב אייער פאָטער איז ניט געוואָרען קיין בירגער איידער איהר זייט גע־וואָרען 21 יאָהר אַלט.

It is important for single women to become citizens in their own names. A few days ago a young lady applied for a position. She came to this country from Austria when she was three years old. Her father is not a citizen. She has never become a citizen in her own right, although she is 25 years old now. She received her education in the public schools and in one of our leading universities. The position which she desired was a good one, but when it was found that she had not become a citizen, the position was refused her, as only citizens could qualify for this work. When asked why she had not become a citizen, she said it was just thoughtlessness on her part and that in spirit she feels always that she is an American. Now that the importance of this matter has been brought to her attention, she has already taken steps to become a citizen in fact, as well as in spirit.

Be sure to become naturalized if you are of foreign birth, unless your father was naturalized before you were 21 years old.

בירגערשאַפט פון אלמנות

ווען אַן אלמנה וויל ווערען אַ בירגערין, מוז זי אַריינגעבען אַן אַפּליקאַציע אויף דעם זעלביגען אופן ווי דאָס ווערט געפאָדערט פון דער אומפאַרהייראַטער פרוי*. אויב אָבער איהר מאַן האָט פאַר׳ן טויט אַרויסגענומען די ערשטע פּאַפּירען, קאָן די אלמנה פאַרלאַנגען די צווייטע פּאַפּירען זיבען יאָהר נאָך דעם דאַטום פון איהר מאַן׳ס ערשטע פּאַפּירען. אין אַזאַ פאַל דאַרף זי ניט אַרויסנעמען קיין ערשטע פּאַפּירען.

בירגערשאַפט פון גע׳גט׳ע פרויען

אַ גט ענדערט ניט די בירגערשאַפט פון אַ פרוי. אַ גע׳גט׳ע פרוי בלייבט די זעלביגע בירגערין, וואָס זי איז געווען פאַר איהר גט. דאָס מיינט, אַז אויב אַ פרוי איז געוואָרען אַ בירגערין, ווייל זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער בירגער פאַר דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, בלייבט זי אַ בירגערין אפילו ווען זי האָט זיך מיט איהר מאַן גע׳גט.

גרייט איהר זיך צו ווערען
אַ בירגערין?

---

* זעה זייט 30.

Citizenship of Widows

If a widow wishes to become a citizen, she must apply for her papers in the same way that a single woman does.* But if her husband had taken out his first papers before he died, the widow may, within seven years after her husband was granted his papers, apply for her second papers. It is not necessary for her to take out first papers, if her husband had made his declaration of intention before he died.

Citizenship of Divorced Women

Divorce does not change the citizenship of a woman. A divorced woman retains the citizenship she had before she was divorced. This means that if a woman became a citizen because she married an American citizen before September 22, 1922, she remains a citizen even if she has since become divorced.

Are you making plans to become a citizen?

* See page 31.

וועגען בירגערשאַפט פון הי־געבאָרענע און פרעמד־געבאָרענע קינדער

יעדעס קינד, וואָס איז געבאָרען געוואָרען דאָ אין לאַנד, איז אַ בירגער פון די פאַראייניגטע שטאַטען. אויך הי־געבאָרענע קינדער פון כינעזער, יאַפּאַנעזער אָדער הינדוס זיינען בירגער.

אין אויסלאַנד געבאָרענע קינדער פון הי־געבאָרענע אַמעריקאַנער בירגער זיינען בירגער.

קינדער פון אַמעריקאַנער בירגער ווערען אַמאָל געבאָרען אין אויסלאַנד. דאָס טרעפט אָפטמאָל, ווען אַמעריקאַנער בירגער פאָהרען באַזוכען קרובים, אָדער זיי פאָהרען אין אויסלאַנד צוליעב געשעפט.

זיינען אַזעלכע קינדער בירגער? יע, קינדער פון הי־עגבאָרענע אַמעריקאַנער זיינען בירגער, אפילו ווען זיי זיינען געבאָרען אין אויסלאַנד.

אין אויסלאַנד געבאָרענע קינדער פון נאַטוראַליזירטע בירגער, זיינען בירגער, אויב זיי שווערען טרייהייט צו די פאַראייניגטע שטאַטען.

קינדער פון נאַטוראַליזירטע בירגער, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען **נאָכדעם** ווי זייערע פאָטערס זיינען געוואָרען בירגער, זיינען אויך בירגער, אפילו ווען זיי

Citizenship of Children

Those Born Here and Those Born Abroad

Every child born in the United States is a citizen of the United States. This is also true of children born here of Chinese, Japanese, or Hindu parents.

Children of Native American Citizens, Born Abroad, Are Citizens

Children of American citizens are sometimes born in countries outside of the United States. This happens often when American citizens are paying a visit to relatives, or have gone abroad for business.

Are such children citizens? **Yes, children of native-born Americans are citizens even if they were born in a foreign country.**

Children of Naturalized Citizens, Born Abroad, Are Citizens, if They Take the Oath of Allegiance

Children of naturalized citizens who were born **after** their fathers have become citi-

זיינען געבאָרען געוואָרען אין אויסלאַנד, און אפילו ווען זיי וואוינען נאָך אַלץ אין זייער אַלטען היימלאַנד. אויב אָבער זיי בלייבען אין אויסלאַנד ביז זיי ווערען אַלט 18 יאָהר, מוזען זיי קומען צום אַמעריקאַנער קאָנסול פון דעם לאַנד, אין וועלכען זיי וואוינען, און איהם דערקלערען, אַז זיי ווילען בלייבען אַמעריקאַנער בירגער, און אַז זיי האָבען בדעה צו וואוינען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. און ווען זיי ווערען אַלט 21 יאָהר, מוזען זיי ווידער קומען צום אַמעריקאַנער קאָנסול און שווערען טרייהייט צו די פאַראייניגטע שטאַטען. זיי מעגען פאָהרען אין די פאַר־אייניגטע שטאַטען אויף אַן אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט.

אין אויסלאַנד געבאָרענע קינדער פון ניט בירגער, אויב אַזעלכע קינדער וואוינען אין די פאַראייניגטע שטאַ־טען, זיינען בירגער ווען זייערע פאַטערס ווערען נאַטוראַליזירט.

א קינד, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין אַ פרעמדען לאַנד און וואוינט אין די פאַראייניגטע שטאַטען מיט זיין פאַטער, וואָס האָט זיך ניט נאַטוראַליזירט, איז ניט קיין בירגער. אויב אָבער דער פאַטער נאַטוראַליזירט זיך איידער דאָס קינד איז אַלט געוואָרען 21 יאָהר, ווערט דאָס קינד אויך אַ בירגער.

א דייטשע פרוי, למשל, האָט דריי קינדער, וועלכע זיי־נען אַלע געבאָרען געוואָרען אין דייטשלאַנד. זי, איהר מאַן און די קינדער זיינען אַריבערגעקומען אַהער מיט זעקס יאָהר צוריק. איהר מאַן איז געוואָרען אַ בירגער פאַראַיאָהרען. און אַלע דריי קינדער איהרע

zens of this country are also citizens even if they were born abroad, and even if they are still living in the old country. But if such children remain away from the United States until they are 18 years of age, they must go to the American consul in the country where they are living and must tell him that they wish to remain citizens of the United States and that they expect to live in the United States. Then, when they are 21 years old, they must again go to the consul and take the Oath of Allegiance to the United States. Such children can travel to the United States on an American passport.

Children of Non-Citizens, Born Abroad but Living in the United States, Are Citizens When Their Fathers Become Naturalized

A child who was born in a foreign land, and is living in the United States with his father who has not become naturalized, is **not** a citizen. But if his father becomes a citizen before the child attains the age of 21 years, the latter also becomes a citizen.

Take the story of a German woman with three children, all of whom were born in

זיינען איצט בירגער. זייערע נעמען זיינען פאַרשריבען אין זייער פאָטערס בירגער פּאַפּירען. זיי נעמען איבער די בירגערשאַפט פון זייער פאָטער. זייער מוטער, פאַר־שטעהט זיך, נעמט ניט איבער די בירגערשאַפט פון איהר מאַן. איהר נאָמען שטעהט ניט אין זיינע בירגער פּאַפּי־רען, אָבער זי קאָן אויך ווערען אַ בירגערין, אויב זי וועט נאָר טאָן ווי עס שטעהט אויף זייט 24 פון אַט דעם ביכעל.

ווען פרעמד־געבאָרענע קינדער פון ניט בירגער וואוינען אין אויס־לאַנד, ווערען זיי ניט קיין בירגער, ווען זייערע פאָטערס נאַטוראַליזירען זיך,—ביז זיי קומען ניט אין די פאַר־אייניגטע שטאַטען.

ווען אַ קינד, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין אויסלאַנד פון פרעמד־געבאָרענע עלטערען, וואוינט נאָך אַלץ אין אויסלאַנד, ווען זיין פאָטער האָט זיך דאָ נאַטוראַליזירט, איז אויב דאָס קינד איז ניט אַלט קיין 21 יאָהר, וועט עס ווערען אַן אַמעריקאַנער בירגער אַזוי שנעל ווי עס וועט אָנקומען אַהער צו וואוינען דאָ. אַזוי לאַנג ווי דאָס קינד בלייבט אין פרעמדען לאַנד, איז עס ניט קיין בירגער. כדי עס זאָל ווערען אַ בירגער דורך זיין פאָטערס נאַטור־ראַליזאַציע, מוז אַזאַ קינד געזעצליך אריינגעלאָזט ווערען אין די פאַראייניגטע שטאַטען און וואוינען דאָ שטענדיג, ביז עס ווערט אַלט 21 יאָהר.

אַמאָל טרעפט, אַז אַ קינד פון אַ נאַטוראַליזירטען ביר־גער קומט אָן אַהער, און מען געפינט ביי זיין אָנקומען, אַז עס איז שוואַכזיניג. אַזאַ קינד קאָן ניט אריינקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, אפילו ווען זיין פאָטער

Germany. She, her husband and their children came to this country six years ago. Her husband became a citizen last year. **All three of her children** are now American citizens. Their names have been placed on their father's naturalization papers. They take the citizenship of their father. The mother, of course, does not take the citizenship of her husband. Her name is not placed on his naturalization papers, but she too can now become a citizen if she follows the instructions on page 25 of this booklet.

Children of Non-Citizens, Born Abroad and Living Abroad, Are not Citizens When Their Fathers Become Naturalized—Until They Come to the United States.

If a child who was born in a foreign land of foreign-born parents is still living abroad when his father in this country becomes naturalized, the child, if he is under 21 years of age, will be an American citizen as soon as he comes into the United States to live. As long as the child remains in another country he is not a citizen. To become a citizen through his father's naturalization,

א י ז אַ בירגער. און ווען אפילו די רעגירונג זאָל לאָזען דעם קינד באַזוכען דאָ די עלטערען אויף עטליכע מאָנאַטען, וועט דאָס קינד ניט זיין קיין אַמעריקאַנער בירגער, אפילו ווען דאָס קינד איז דאָ אין לאַנד. נאָר ווען די רעגירונג דערלויבט דעם קינד אַריינצוקומען אַהער אויף שטענדיג, ניט נאָר צייטווייליג, קאָן דאָס קינד ווערען אַ בירגער, אויב זיין פאָטער איז אַ בירגער.

זעהט, אַז די נעמען און דער ריכטיגער עלטער פון אַלע אייערע מינדעריאָה־ריגע קינדער, סיי די, וואָס וואוינען דאָ, און סיי די, וואָס געפינען זיך אין אויסלאַנד, זאָלען פאַרשריבען ווערען אין אייער מאַנ׳ס בירגער פאַפּירען.

it is necessary for such a child to be legally admitted to the United States, and to live here permanently before he becomes 21 years of age.

Sometimes a child of a naturalized American citizen is found to be feeble-minded when he tries to enter this country. In that case he cannot come into the United States, even though his father is a citizen. If the Government should allow such a feeble-minded child to visit the parents here for a few months, that child would not be a citizen even though he is in this country. It is only when the Government permits a child to enter permanently—not temporarily—that the child becomes a citizen, if his father is a citizen.

Be sure to see that the names and correct ages of all your minor children — those living here and those living abroad — are entered on your husband's naturalization certificate.

וועגען בירגערשאַפט פון קינדער פון פרעמד־געבאָרענע אלמנות

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז אַזוי לאַנג ווי דער פאָטער לעבט,נעמען די קינדער איבער דעם פאָטערס בירגער־שאַפט. אויב ער איז ניט קיין בירגער, זיינען זיי אויך ניט קיין בירגער, סיידען זיי זיינען געבאָרען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

אויב דער פאָטער איז ניט קיין בירגער, און די מוטער ווערט אַ בירגערין אויף איהר אייגענעם נאָמען, געהען אַלע די קינדער נאָך דער בירגערשאַפט פון זייער פאָטער, סיידען זיי זיינען געבאָרען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. נאָר ווען דער פאָטער איז טויט, וועלען די קינדער איבערנעמען די בירגערשאַפט פון זייער מוטער, ווען זי ווערט דאָ נאַטוראַליזירט.

אויב איהר זייט אַן אלמנה, זעהט אַז די נעמען און די ריכטיגע יאָהרען פון אַלע אייערע מינדער־יאָהריגע קינדער, סיי די, וואָס וואוינען דאָ, און סיי די, וואָס געפינען זיך אין אויסלאַנד, זאָלען זיין פאַרשריבען אין אייערע בירגער־שאַפט פּאַפּירען.

Citizenship of Children of Foreign-Born Widows

It has already been told you that as long as the father is living, children take the citizenship of their father. If he is not a citizen, they are not citizens—unless they were born in the United States.

If the father is **not** a citizen, and the mother becomes a citizen **in her own name,** the children still keep the citizenship of their **father**—unless they were born in this country. It is only when the father is dead that the foreign-born children take the American citizenship of their mother when she becomes naturalized.

If you are a widow, be sure to see that the names and correct ages of all your minor children—those living here and those living abroad—are entered on your naturalization certificate.

וועגן דער בירגערשאַפט פון פרעמד־געבאָ־רענע שטיפקינדער

שטיפקינדער פון אַמעריקאַנער בירגער זיינען נ י ט קיין בירגער, סיידען זיי זיינען געבאָרען געוואָרען דאָ אין לאַנד.

איידער דער „קייבעל עקט" איז דורכגעפיהרט געוואָרען, און אַ פרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ בירגער, האָט געהאַט איהרע אייגענע קינדער, זיינען די קינדער געוואָרען אַמעריקאַנער בירגער, פונקט ווי זי איז דאָס געוואָרען דורך איהר חתונה. איצט אָבער, אַזוי ווי די פרוי ווערט ניט קיין בירגערין, ווען זי האָט חתונה מיט אַן אַמעריקאַנער, ווערען איהרע קינדער אויך ניט קיין בירגער. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַזוי גיך ווי די מוטער ווערט אַ בירגערין אויף איהר אייגענעם נאָמען, ווערען אויך בירגער איהרע קינדער פון אַ פריהערדיגער הייראַט.

אויב איהר האָט חתונה געהאַט אַ צווייטען מאָל איידער איהר זייט גע־וואָרען אַ בירגערין, זעהט אַז די נעמען און די ריכטיגע יאָהרען פון אייערע מינדער־יאָהריגע קינדער פון ערשטען מאַן זאָלען פאַרשריבען ווערען אין אייערע בירגער פּאַפּירען.

Citizenship of Stepchildren Born Abroad

Stepchildren of American citizens are **not** citizens, unless they were born in this country.

Before the Cable Act was passed, if a woman who married an American citizen had children of her own, the children became American citizens, just as she did through her marriage. But now, since the mother does not become a citizen upon her marriage to an American, her children do **not** become citizens. Of course, as soon as the mother becomes a citizen in her own name, her children by a former marriage also become citizens.

If you have married a second time before you have become a citizen, be sure that the names of your minor children by your first husband are entered on your naturalization certificate.

וועגען בירגערשאַפט פון פרעמד־געבאָרענע אַדאָפּטירטע קינדער

פרעמד־געבאָרענע קינדער, וואָס וואוינען דאָ און זיינען אַדאָפּטירט געוואָרען פון אַמעריקאַנער בירגער, ווערען נאָך דורך דעם ניט קיין בירגער. זיי מוזען אַרויסנעמען זייערע אייגענע פּאַפּירען אויף זייער אייגענעם נאָמען, ווען זיי ווערען אלט 21 יאָהר.

אויב אָבער אַ הי־געבאָרען קינד ווערט אַדאָפּטירט פון אַ ניט בירגער, בלייבט דאָס קינד אַן אַמעריקאַנער בירגער.

> פרעמד־געבאָרענע קינדער, וואָס וואוינען אין אויסלאַנד און זיינען אַדאָפּטירט געוואָרען פון אַמעריקאַנער בירגער נאָך דעם ערשטען יאַנואַר, 1924, קאָנען ניט אַריינקומען אין לאַנד אַלס נאָן־קוואָטאַ אימיגראַנטען. אָבער אויב פרעמד־געבאָרענע קינדער, וואָס וואוינען אין אויסלאַנד, זיינען אַדאָפּטירט געוואָרען פאַר 1924, ווערען זיי פאַר־געצויגען אַנטקעגען אַנדערע, לויט דעם אימיגראַציע געזעץ פון 1924.

Citizenship of Adopted Children Born Abroad

Foreign-born children living in this country who are adopted by American citizens do not become citizens by such adoption. They must take out their own papers in their own name when they become 21 years of age. But if a child born in the United States is adopted by a person who is not a citizen of this country, the child keeps his American citizenship.

Foreign-born children living abroad, who have been adopted by citizens of this country since January 1, 1924, cannot enter the United States as non-quota immigrants. Foreign-born children living abroad, if adopted before 1924, are given preference under the Immigration Law of 1924.

זייט איהר אַ פרוי אָהן אַ לאַנד?

אין אַ סך לענדער פאַרלירען פרויען זייער בירגערשאַפט, ווען זיי האָבען חתונה מיט אַ מאַן פון אַן אַנדער לאַנד.

אויב פרויען פון יענע לענדער האָבען חתונה מיט אַמע־ריקאַנער, דאַרפען זיי נעמען שריט צו ווערען בירגערינס. אויב זיי טוען דאָס ניט, געהערען זיי ניט צו קיין שום לאַנד. זייערע אייגענע לענדער האַלטען זיי פאַר אַמערי־קאַנערינס. די פאַראייניגטע שטאַטען אָבער זאָגען, אַז זיי זיינען ניט קיין אַמעריקאַנערינס. **זיי זיינען פרויען אָהן אַ לאַנד.**

לענדער, וואָס נעמען צו פון פרויען זייער בירגערשאַפט, ווען זיי האָבען חתונה מיט אויסלענדער

מיר גיבען דאָ אַ צעטעל פון די לענדער, וואו אַ פרוי פאַרלירט איהר בירגערשאַפט, ווען זי האָט חתונה מיט אַ מאַן פון אַן אַנדער לאַנד, אפילו ווען זי איז ניט קיין בירגערין פון איהר מאַנ׳ס לאַנד און אפילו ווען זי בלייבט וואוינען אין איהר אייגענעם לאַנד.

Are You A Woman Without A Country?

In many countries women lose their nationality when they marry men of another nationality.

If women born in such countries marry Americans they must take steps to become American citizens; if they do not do this, they do not belong to any country. Their own countries say they are Americans; the United States says they are not Americans. **They are women without a country.**

Countries Which Deprive Women of Their Nationality Upon Marriage to Foreigners

Here is a list of countries where the laws say that the woman loses her nationality if she marries a man of another nationality, even if she cannot claim the citizenship of her husband, and even if she continues to live in her own country.

אויסטראַליע	דייטשלאַנד	פּערו
עסטרייך	ענגלאַנד	פּערסיע
באָליוויע	גוואַטעמאַלאַ	פּוילען
בראַזיליע	אונגאַרן	רוסלאַנד
קאַנעדע	יוגאָסלאַוויע	שפּאַניע
קובאַ	לאַטוויע	טערקיי
טשעכאָסלאָוואַקיע	ליטע	שוועדען*
פינלאַנד	האָלאַנד	

אַ פרוי פון איינעם פון די אויסגערעכענטע לענדער איז אַ פרוי אָהן אַ לאַנד, אויב זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער בירגער נאָך דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922 און זי האָט נאָך ניט גענומען קיין שריט צו ווערען אַ בירגערין. אויב זי איז ניט געוואָרען קיין בירגערין אויף איהר אייגענעם נאָמען, וועט זי האָבען אַלערליי שוועריגקייטען. אויב זי וויל פאַהרען באַזוכען איהרע עלטערען אין אויסלאַנד, למשל, וועט זי ניט קאָנען פאַהרען אויף אַן אַמעריקאַנעם פּאַספּאָרט. אַזוי ווי זי איז מעהר ניט קיין בירגערין פון איהר אייגענעם לאַנד, קאָן זי ניט באַקומען קיין פּאַספּאָרט פון דעם קאָנסול פון יענעם לאַנד.

פאַראַיאָהרען האָט אַ זעהר רייכע פרוי, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין יוגאָסלאַוויע, געוואָלט באַזוכען איהר קראַנקע מוטער. און כאָטש איהר מאַן איז געוואָרען אַן אַמעריקאַנער בירגער אין 1924, האָט זי ניט געקאָנט באַקומען קיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט, ווייל זי האָט ניט אַרויסגענומען איהרע אייגענע פּאַפּירען. זי האָט ניט

*אין שוועדען, ווען אַ פרוי האָט חתונה מיט אַן אויסלענדער, פאַרלירט זי ניט איהר בירגערשאַפט, סיידען זי פאַרלאָזט איהר לאַנד אויף שטענדיג.

Australia	Bolivia	Canada
Austria	Brazil	Cuba
Czechoslovakia	Jugoslavia	Poland
Finland	Latvia	Russia
Germany	Lithuania	Spain
Great Britain	Netherlands	Sweden *
Guatemala	Peru	Turkey
Hungary	Persia	

A woman born in any of these countries has no country at all if she married an American citizen after September 22, 1922, and has not yet taken steps to become naturalized. If she has not become a citizen herself, she will have trouble in many ways. If she wishes to go abroad on a visit to her parents, for example, she will not be able to travel on an American passport. As she is no longer a citizen of her own country, she cannot obtain a passport from the consul of her native land.

Last year a very wealthy woman, who was born in Jugoslavia, wished to visit her sick mother. Even though her husband had become an American citizen in 1924, she

* In Sweden, a woman who marries a foreigner no longer loses her nationality unless she leaves her native country permanently.

געקאָנט באַקומען קיין פּאַספּאָרט פון דעם קאָנסול פון איהר אייגענעם לאַנד. זי האָט ניט געקאָנט באַקומען שוץ פון קיין לאַנד בכלל. האָט זי דאַריבער באַשלאָסען ניט צו פאָהרען אינגאַנצען.

ענגלאַנד, שוועדען און דייטשלאַנד העלפען אַזעלכע פרויען מיט דעם, וואָס זיי גיבען זיי אַרוים רייזענדער צייגניסען, וואָס דינט זיי פאַר פּאַספּאָרטען, ווען זיי ווילען פאָהרען. אָבער דאָס באַרעכטיגט ניט יענע פרויען צו דעם שוץ, וואָס זייערע לענדער גיבען אייגענע בירגער.

איינציגע לענדער מאַכען געוויסע אויסנאַהמען

עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע לענדער, וואָס נעמען אויך צו די בירגערשאַפט ביי פרויען, וואָס האָבען חתונה געהאַט מיט אַן אויסלענדער, אָבער וואָס באַשיצען גלייכ־צייטיג זייערע פרויען בירגערינס אויף אַזאַ אופן: זיי דערלויבען זיי אַנצוהאַלטען זייער אַלטע בירגערשאַפט, אויב די לענדער פון זייערע מאַנען גיבען זיי ניט קיין ביר־גער רעכט. למשל: אויב אַ פרוי אַ געבאָרענע אין פראַנקרייך, לאָמיר זאָגען, האָט חתונה מיט אַן אַמעריַ־קאַנער, זאָגט דאָס פראַנצויזישע געזעץ, אַז אַזוי ווי זי ווערט ניט קיין אַמעריקאַנער בירגערין דורך איהר חתונה מיט אַן אַמעריקאַנער בירגער, מעג זי בלייבען אַ בירגערין פון פראַנקרייך.

די פאָלגענדיגע לענדער באַשיצען די בירגערשאַפט פון זייערע פרויען־בירגערינס אויף דעם אויבען דערקלערטען אופן:

could not obtain an American passport because she had failed to take out her own papers. She could not get a passport from the consul of her own country. She could not claim protection from any country. She, therefore, decided to remain at home.

Great Britain, Sweden, and Germany help such women by giving them a traveling certificate which they use as a passport when they wish to travel, but this does not entitle these women to the protection given citizens of these countries.

Some Countries Make Certain Exceptions

There are other countries which also deprive women of their nationality upon marriage to a foreigner, but which at the same time protect their women citizens in this way: They permit their women citizens to keep their own nationality if their husbands' countries refuse to let them take the husbands' citizenship. For instance: If a woman born in France, let us say, marries an American, the laws of France say that since she does not become a naturalized American by her marriage to a citizen of

בעלגיע*	פראַנקרייך	נאָרוועגיע
בולגאַריע	האָנדוראַס	פּאָרטוגאַל
דענעמאַרק**	איטאַליע	רומעניע
כינע	יאַפּאַן	סיאַם
עקוואַדאָר	מעקסיקאָ	די שווייץ
עסטאָניע***	מאָנאַקאָ	ווענעצועלא

לענדער וואָס גיבען אומאָפּהענגיגע בירגערשאַפט צו פרויען

אין ווענינסטענס פינף לענדער מעג די פרוי אָנהאַלטען איהר בירגערשאַפט נאָכדעם ווי זי האָט חתונה מיט אַן אויסלענדער. די לענדער זיינען:

ארגענטינע טשילי פּאַנאַמאַ אורוגוואַי
די פּאַראייניגטע שטאַטען.

אויב איהר זייט אַ פרוי אָהן אַ לאַנד,
זעהט נאַטוראַליזירט זיך וואָס גיכער.

---

* אין בעלגיע דאַרף אַ פרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אויס־לענדער, אַריינגעבען איהר בקשה וועגען אָנהאַלטען איהר בעלגישע בירגערשאַפט אין פאַרלויף פון זעקס חדשים נאָך איהר חתונה מיט אַן אויסלענדער, אַז ניט פאַרלירט זי איהר בעלגישע בירגערשאַפט.

** אין דענעמאַרק, ווען אַ פרוי בלייבט אין לאַנד נאָך איהר חתונה מיט אַן אויסלענדער, בלייבט זי אַ בירגערין.

*** אין עסטאָניע פאַרלירט אַ פרוי איהר בירגערשאַפט, אויב זי האָט חתונה מיט אַן אויסלענדער און פאַרלאַנגט נוט צוויי וואָכען צייט נאָך דער חתונה מען זאָל זי רעכענען פאַר אַ בירגערין פון עסטאָניע.

the United States, *she may still remain a French citizen.*

The following countries protect the nationality of their women-citizens in the way we have just mentioned:

Belgium *	Ecuador	Italy	Norway
Bulgaria	Esthonia ‡	Japan	Portugal
Denmark †	France	Mexico	Roumania
China	Honduras	Monoco	Siam
	Switzerland	Venezuela	

Countries Which Grant Independent Citizenship to Women

In at least five countries in the world, the woman may keep her own nationality upon her marriage to a foreigner. These countries are:

Argentine	Chile	Panama	Uruguay
	United States		

If you are a woman without a country, become naturalized as soon as possible.

* In Belgium, a woman must ask within six months after she marries a foreigner to keep her Belgian nationality. If not, she loses her nationality.

† In Denmark, a woman who marries a foreigner retains her nationality if she remains in her own country.

‡ In Esthonia, a woman loses her Esthonian nationality if she marries a foreigner, and does not ask within two weeks after the marriage to keep her own nationality.

מיט וואָס איז בירגערשאַפט אזוי וויכטיג?

יעדע פּערזאָן דאַרף האַלטען פאַר זיין
חוב און זיין שטאָלץ צו באַטייליגען
זיך אין די פליכטען פון בירגערליכען
און געזעלשאַפטליכען לעבען.

יעדע פּערזאָן מאַכט זיין שטענדיגע היים אָדער אין דעם לאַנד, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען, אָדער אין אַ לאַנד, וואו ער האָט זיך שפּעטער באַזעצט. וואו ער וואוינט שטענדיג, דאָרטען איז ער אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט. ער וואוינט מיט אַ סך מענשען און צווישען זיי. ווען מענשען וואוינען אין איין געמיינדע, באַקומען זיי באַלד געוויסע פליכטען איינער צום אַנדערען. נעמט דאָס פאַמיליען לעבען פאַר אַ ביישפּיעל, און איהר וועט דאָס פאַרשטעהן.

אין יעדער פאַמיליע האָט דער מאַן פליכטען צו זיין ווייב. ער האָט איהר צוגעזאָגט צו ליבען זי און זאָרגען פאַר איהר. דאָס ווייב האָט געוויסע פליכטען צום מאַן. זי האָט צוגעזאָגט צו ליבען איהם און זעהן צו מאַכען איהם צופרידען און גליקליך אין דער היים, וואָס זיי וועלען צוזאַמען אויפבויען. די מוטער האָט פליכטען צו איהרע קינדער. זי מוז וועגען זיי זאָרגען, געבען זיי עסען, לער־

Why Is Citizenship Important?

It should be the duty and pride of every person to share in the responsibility of civic and community life.

Every person makes his permanent home either in the country where he was born, or in another country to which he has sojourned. Wherever he settles permanently, he is a member of society. He lives with and among many people. When people live together in one community they immediately have responsibilities toward each other. You can understand the reasons for this by taking family life as an illustration.

In every family the husband has his duties toward his wife: He has promised to love her and to take care of her. The wife owes certain duties to her husband: She has agreed to love him, to try to make him comfortable and happy in the home they would build together. The mother has duties toward her children: She must care for them, feed them, teach them, see that they

נען זיי, זעהן אַז זיי זאָלען געהן אין שול, אַנטוויקלען דאָס בעסטע, וואָס איז אין זיי פאַראַן. דער פאָטער ווידער האָט זיינע פליכטען. ער מוז פאַרדינען געלט אויף צו באַ־פרידיגען די נויטען פון זיינע קינדער און העלפען דער מוטער דערציהען די עופה'לאַך. די קינדער האָבען אויך זייערע פליכטען. זיי מוזען טאָן זייער טייל אַרבייט אין הויז. זיי מוזען זיך באַנוצען מיט אַלע געלעגענהייטען, וואָס די עלטערען גיבען זיי. זיי מוזען העלפען די עלטערען אויף ווי וויים זיי קאָנען, און זאָרגען וועגען זיי, ווען נויטיג, אויף דער עלטער. ווען יעדער מיטגליד אין דער פאַמיליע וועט אויף אַזאַ אופן קאָאָפּערירען, וועט דאָס לעבען פון דער פאַמיליע זיין פולשטענדיג, און יעדער מיטגליד וועט זיין גליקליך און ניצליך.

און אַזוי איז אויך די געזעלשאַפט, אין וועלכער איהר לעבט. די געזעלשאַפט איז נאָך אַ גרעסערע משפחה. זי באַשטעהט פון אַ סך פאַמיליעס, און יעדער איינע פון זיי העננט אָפּ פון אַנדערע. אויב אין איין משפחה טרעפט אַן אַנשטעקענדיגע קראַנקהייט, וועט די קראַנקהייט זיך פאַר־שפּרייטען אויף די שכנישע פאַמיליעס, אויב די געזעל־שאַפט וועט ניט נעמען די נויטיגע שריט דאָס צו פאַר־הינדערען. אויב דאָס מילך. וואָס דער גראָסער אויפ'ן ראָג פאַרקויפט, איז ניט ריין, וועלען אַ סך קינדער אין אַ סך משפחות ווערען קראַנק דערפון. אויב די געזעלשאַפט וועט ניט באַזאָרגען קיין שפּילפּלאַץ פאַר די אינגלאַך און מיידלאַך, וועלען די קינדער זיין געצוואונגען צו שפּילען

go to school, and help them to develop the best that is in them. The father likewise has his responsibilities: He must earn money to provide for the needs of his children and help the mother rear the little ones. The children also have obligations: They must do their share of work in the house; they must try to take advantage of all the opportunities which their parents offer them. They must assist their parents as much as they can, and care for them, if necessary, in their old age. When every member of the family cooperates in the home in this way, the life of the family is complete and every member in it is happy and useful.

So it is with the community in which you live. The community is only a larger family. It is made up of many families, each of which depends upon the other. If there is contagious sickness among the children of one family, such sickness may spread to neighboring families, unless the community takes the necessary steps to prevent it. If the milk which the corner grocer sells is not pure, many children in many families may become ill. If a playground is not provided

זיך אויפ'ן גאַס, און עס וועלען זיין אַ סך אומגליקספּאַלען. בעלי בתים פון הייזער וועלען זיך באַקלאָגען, אַז די קינדער האַקען אוים שויבען, שפּילענדיג אויפ'ן גאַס, אין פּילקעס. אויב מען וועט ניט אויפקלייבען רעגעלמעסיג דעם אָפּפאַל פון יעדען הויז אין אייער שטאָט, וועלען די גאַסען ווערען שמוציג, און די גאַנצע געגענט וועט דערפון ליידען.

צוליב אָט די און אַ סך אַנדערע נאָך וויכטיגערע אורזאַכען, איז נויטיג, אַז מען זאָל רעגולירען די באַדינגונגען, אונטער וועלכע מענשען וואוינען צוזאַמען. דעריבער ווערען פאָרמירט רעגירונגען פון די מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט, כדי צו באַזאָרגען אַלע געמיינשאַפטליכע נויטען פון אַלע מענשען, וואָס וואוינען צוזאַמען אין איין שטאָט, אין איין שטאַט, אָדער אין איין לאַנד.

איהר האָט באַשלאָסען צו וואוינען אין דער רעפּובליק פון די פאַראייניגטע שטאַטען, וואו די רעגירונג איז פאָרמירט געוואָרען פון דעם פאָלק גופא. אַזאַ רעגירונגס פאָרם רופט זיך דעמאָקראַטיע, ווייל דאָס פאָלק אַליין האָט דאָס רעכט צו וועהלען די מענער און פרויען, וואָס זאָלען פאַרוואַלטען זייער רעגירונג. אַזוי ווי איהר האָט באַשלאָסען צו בלייבען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, איז אייער חוב צו אייערע מיטמענשען,אייערע שכנים, צו טאָן אייער טייל אַלס מיטגליד פון דער געזעלשאַפט אין אָט דער דעמאָקראַטיע.

by the community for boys and girls, children will be forced to play in the streets, and many accidents will occur. Property owners will complain if the boys break windows when playing ball on the streets. If refuse is not collected from every house in your community regularly, the streets will become dirty and littered, and the entire neighborhood will suffer.

For these and many other even more important reasons it is necessary to regulate the conditions under which people live together. Thus governments are formed by members of society to take care of all the common needs of all the people living together in one city, in one state, or in one country.

Now, you have chosen to live in the Republic of the United States where the government has been formed by the people themselves. This form of government is called a Democracy, because the people have the right to choose the men and women who are to manage their government. Since you have decided to remain in the United States, you owe it to your fellow men, your neigh-

אויב איהר וואוינט דאָ שטענדיג, דאַרפט איהר מאַכען דאָס לאַנד פאַר אייער היימלאַנד. איהר דאַרפט ווערען אַ בירגער פון לאַנד. אויב איהר זייט ניט קיין בירגער, קאָנט איהר ניט העלפען רעגולירען דאָס לעבען פון אייער געזעלשאַפט. אויב אָבער איהר זייט אַ בירגער, קאָנט איהר קאָאָפּערירען מיט אייערע שכנים צו מאַכען אייער געזעלשאַפט פאַר אַ פיינערען, בעסערען אָרט פאַר זיך אַליין, פאַר אייערע קינדער און אייערע קינדס קינדער. ווילט איהר, אַז די בעסטע מענשען זאָלען ווערען די פיהרער אין אייער געזעלשאַפט? ווילט איהר אויפהויבען די סטענדערדס פון לעבען פאַר יעדען מאַן, פרוי און קינד דאָ אין לאַנד, ברענגען אַביסעל פרייד פאַר יעדען איינעם דאָ? אויב יע, מוזט איהר ווערען אַ בירגער און האָבען אַ דעה אין דער רעגירונג, אונטער וועלכער איהר לעבט.

אמת, איהר קאָנט געפינען חסרונות אין די עקזיסטירענדיגע פּאָליטישע אינסטיטוציעס. אמת, איהר קאָנט אפשר זיין אַנטוישט, ווייל די אידעאַלען פון אָט דער דעמאָקראַטיע זיינען ניט איגאַנצען פאַרווירקליכט. איהר קאָנט אָבער די באַדינגונגען ניט אויסבעסערען, שטעהענדיג אָן אַ זייט און געפינענדיג חסרונות. בלייבט ניט קיין דרויסענדיגער. נעמט אַן אַקטיווען אַנטייל אין דעם בירגערליכען און פּאָליטישען לעבען פון אייער געזעלשאַפט און זייט איינס מיט אייערע מיטבירגער, צו ענדערען דאָס, וואָס איז שלעכט, און אַנטוויקלען דאָס וואָס איז גלייך און

bors, to contribute your share as a member of society in this Democracy.

If you live here permanently, you should adopt this country as your own. You should become a citizen of this country. If you are not a citizen, you cannot help regulate the life of your community. But if you are a citizen, you can cooperate with your neighbors to make your community a finer, better place for yourself, your children and your children's children. Do you wish to see the best men become the leaders of your community? Do you wish to help raise the standards of good living for every man, woman and child in this country, and bring a little joy to every person here? If so, you must become a citizen and have a voice in the government under which you live.

It is true that you may discover faults in existing political institutions. It is true you may be disappointed because your ideals regarding this Democracy are not fully realized. But you cannot improve conditions by standing aside and finding fault. Do not remain an outsider. Take an active part in the civic and political life of your commu-

גערעכט. דער ערפאָלג פון אַ דעמאָקראַטיע הענגט אָפּ
אָן דער אַקטיווער קאָאָפּעראַציע פון איהרע בירגער.

ווערט אַ בירגער פון לאַנד, כדי איהר
זאָלט קאָנען געבען אייער בּאַטראַג צו
דער רעגירונג.

nity and join with your fellow-citizens in changing what is wrong and in developing what is right. The success of a Democracy depends upon the active cooperation of its citizens.

Become a citizen of this country, so that you can make your contribution to this government.

נאָך גרונדען, פאַרוואָס בירגערשאַפט איז וויכטיג

חוץ דעם פאַרגעניגען, דער גייסטיגער פרייד, וואָס קומט צו מענשען, וועלכע אַרבייטען צוזאַמען פאַר אַ גוטער זאַך, זיינען נאָך פאַראַן אַ סך פּראַקטישע נוצען, וואָס בירגער פון די פאַראייניגטע שטאַטען האָבען, און וואָס ניט בירגער, וועלכע וואוינען דאָ, האָבען ניט. אָט זיינען איניגע פון אָט די נוצען:

מוטער פּענסיע

דריי און פערציג שטאַטען און טעריטאָריעס גיבען מוטער פּענסיעס צו נויטבאַדערפטיגע אלמנות. דאָס ווערט געטאָן, כדי צו העלפען דער מוטער, צו האַלטען די קינדער ביי זיך אין דער היים, אַנשטאַט צו שיקען זיי ערגעץ אין אַן אַנשטאַלט. אין איניגע שטאַטען באַוויליגען ניט די געזעצען אַזאַ פּענסיע, סיידען די פרוי איז אַ בירגערין.* אַזוי איז עס אין די שטאַטען אַריזאָנאַ, אַרקענסאָ, קאָנעטיקוט, אילינאָי**, מינעסאָטאַ,

* זעה „סאָמאַרי אָוו סטייט לאָוז רילייטינג טו פּאָבליק אייד טו טשילדרען אין דעיר האָומס", אַרויסגעגעבען פון דער „טשילדרענס ביוראָ, וואַשינגטאָן, ד. ק.

** אויב אָבער די פרוי האָט אַרויסגענומען די ערשטע פּאַפּירען, קאָן זי באַקומען שטיצע פאַר איהרע אַמעריקאַנער געבאָרענע קינדער אין דעם שטאַט.

More Reasons Why Citizenship Is Important

Besides the pleasure—the spiritual joy—which comes to people who work together for a good cause, there are many practical advantages offered to citizens of the United States, which are denied to persons living in this country who are not citizens. Here are some of them:

Mothers' Pensions

Forty-three states and territories grant mothers' pensions to needy women whose husbands have died. This is done to help the mother keep the children with her in the home, rather than to send them to some institution. In some states in this country, the laws do not grant these pensions unless the women are citizens.* This is true of the states of Arizona, Arkansas, Connecticut,

* See "Summary of State Laws Relating to Public Aid to Children in Their Own Homes." Published by Children's Bureau, Washington, D. C.

מאָנטאַנאַ, ניו יאָרק, נאָרד דאַקאָטאַ,* אָרעגאָן, ראָוד איילענד און וועסט ווירדזשיניע. אפילו ווען דער מאַן איז געווען אַ בירגער, וועט די פּענסיע ניט געגעבען ווערען זיין ווייב, סיידען זי איז אויך אַ בירגערין.

אַרבייטער פּאַרגיטיגונג
(וואָירקמענס קאָמפּענסיישאָן)

נאָך אַ גוט געזעץ איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין אַ סך שטאַטען צו באַשיצען די פאַמיליעס פון אַרבייטער. ווען נאָר אַן אַרבייטער ווערט פאַרוואונדעט אין דער צייט פון זיין אַרבייט, און ער פאַרלירט צוליב דעם זיין ווער־כענטליכען אָדער טעגליכען פאַרדינסט, וועט ער אָדער זיין פאַמיליע באַקומען אַ סומע געלט, וואָס ווערט אָנגע־רופען „וואָירקמענס קאָמפּענסיישאָן". אין איינינע שטאַ־טען, אויב דער אַרבייטער ווערט דער׳הרג׳עט און ער איז ניט קיין בירגער און זיין פאַמיליע וואוינט ניט אין די פאַראייניגטע שטאַטען, וועט מען ניט אויסצאָהלען קיין געלט צו זיין פאַמיליע אין אויסלאַנד. די שטאַטען זיינען: אַלאַבאַמאַ, האַוואַי, ניו מעקסיקאָ, פּאָרטאָ ריקאָ און סאַוט דאַקאָטאַ. אין אַנדערע שטאַטען וועט מען אין אַזאַ פאַל אויסצאָהלען דער פאַמיליע פון דעם דער׳הרג׳עטען אַרביי־טער נאָר אַ טייל פון דעם געלט. אַזעלכע שטאַטען זיינען: קאָנעטיקוט, קאָלאָראַדאָ, דעלעווער, דזשאָרדזשיע, איי־

---

* אין די לעצטע פיר שטאַטען, אויב די מוטער אָדער דער פאַר־שטאָרבענער האָט אַרויסגענומען די ערשטע פּאַפּירען, קאָן די מוטער באַקומען שטיצע פאַר איהרע קינדער אין יענע שטאַטען. אין ניו יאָרק אָבער וועט די מוטער באַקומען שטיצע נאָר פאַר די היי־געבאָרענע קינדער.

Illinois,* Minnesota,† Montana,† New York,‡ North Dakota,† Oregon, Rhode Island and West Virginia. Even if the husband was a citizen, the pension will not be given to the wife unless she too is a citizen.

Workmen's Compensation

Another very good law has been passed in many states to protect the families of working men. Whenever a working man is injured during his working hours and he loses his wages because he cannot work, he or his family receive a sum of money which is called "Workmen's Compensation." In some states, if the man is not a citizen, and if he is killed while at his work, no money will be given to his family abroad, if they do not live in the United States. These states are Alabama, Hawaii, New Mexico, Porto Rico

* In this State, however, if the mother has taken out her first papers, she may be given aid for her *American born* children.

† In these States, if the mother or the deceased father has taken out first papers, the mother may be granted aid for her children.

‡ In this State, if the mother or the deceased father has taken out first papers, the mother may be given aid for her *American born* children only.

דעהא, קענזעס, קענטאקי, מיין, מערילענד, מאנטאנא, נעבראסקא, נעוואדא, ניו יארק, ארעגאן, פענסילוויינא, יוטא, ווירדזשיניע, וואשינגטאן, וועסט ווירדזשיניע און וויאמינג.

ניט נאר דארפט איהר אליין ווערען א בירגערין, נאר איהר דארפט אויך צור־רעדען אייער מאן, ברודער און אנדערע קרובים, אז זיי זאלען ווערען בירגער און אויף אזא אופן באשיצען די, וועמען זיי ליבען און שטיצען.

and South Dakota. In other states only part of the full amount of money will be given to the deceased workingman's family if they do not live in the United States and if he is not a citizen. These states are Connecticut, Colorado, Delaware, Georgia, Idaho, Kansas, Kentucky, Maine, Maryland, Montana, Nebraska, Nevada, New York, Oregon, Pennsylvania, Utah, Virginia, Washington, West Virginia and Wyoming.

Not only should you become a citizen, but you should urge your husband, brothers and other relatives to become citizens, to protect those they love and support.

ניט בירגער לײַדען נאָך פון אַנדערע אומבאַקוועמליכקײטען

אַמאָל טרעפט, אַז עס איז שווער פאַר פרויען ניט ביר־גערינס צו באַשיצען זייערע רעכט.

ווען אַ פרוי, וואָס איז ניט קיין בירגערין, האָט סכסוכים מיט איהר מאַן, ועט זי אָפטמאָל אויסגעפינען אין גע־ריכט, אַז איהר מאַן האָט אַלס בירגער אַזעלכע רעכט, וואָס זי האָט ניט.

און ווען אַ פרוי, וואָס האָט דאָ ניט געוואוינט קיין פינף יאָהר, ווערט קראַנק און געהט אין אַ שפּיטאָל זיך היילען, קאָן מען זי דעפּאָרטירען, אויב זי איז געוואָרען אַ לאַסט אויף דער געזעלשאַפט, אפילו ווען איהר מאַן איז אַ ביר־גער. אין איינינגע שטעט קאָן אַ פּערזאָן, וואָס איז ניט קיין בירגער, ניט באַקומען קיין באַשעפטיגונג אין אַ קהל'שער אינסטיטוציע אָדער אָפיס אַלס פאַרוואַלטער, לעהרער אָדער דזשעניטאָר. איינער, וואָס איז ניט קיין בירגער, קאָן אין איינינגע שטעט ניט קויפען קיין פּוש־קאַרט און ניט אַרויסנעמען קיין פּעדלערס לייסענס. איי־ניגע אַרבייטער יוניאָנס וועלען ניט אַריינעמען פאַר מיט־גלידער אַזעלכע, וואָס זיינען ניט קיין בירגער אָדער האָבען ניט אַרויסגענומען די ערשטע פּאַפּירען. אין איי־נעם אָדער צוויי שטאַטען האָט דער ניט בירגער קיין רעכט ניט צו האַלטען אַ הונט אָדער אַ ביקס.

ווען אַ ניט בירגערין וויל פאַהרען קיין אויסלאַנד, מוז זי באַקומען אַ דערלויבניש צו קומען צוריק, איידער זי פאַרלאָזט די פאַראייניגטע שטאַטען. אויב ניט, וועט

Persons Who Are Not Citizens Suffer Other Disadvantages

Sometimes occasions occur when women who are not citizens find it difficult to protect their rights.

If a woman who is not a citizen has trouble with her husband, she may find, when she goes to court, that her husband has rights as a citizen which she does not have.

And if a woman, who has been living in this country less than five years, goes to a public hospital to receive treatment when she is sick, she may be deported if she has become a public charge—even though her husband has become a citizen. In some cities, a person who is not a citizen cannot be employed in any public institution or office, either as an executive, a teacher, or a janitor. A person who is not a citizen cannot obtain a pushcart or peddler's license in some cities. Some labor unions will not accept as members persons who are not citi-

זי, לויט דעם אימיגראַציע געזעץ, אויסגעשלאָסען ווערען. און אפילו ווען זי האָט באַקומען די נויטיגע דערלויבניש פון דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר אין וואַשינגטאָן צו קומען צוריק, קאָן זי בלייבען אין אויסלאַנד נאָר זעקס מאָנאַטען אָדער איין יאָהר. אויב זי בלייבט אין אויסלאַנד לענגער ווי עס שטעהט אין דער דערלויבניש, וועט זי ניט קאָנען קומען צוריק אין די פאַראייניגטע שטאַטען. סיידען אַלס אימיגראַנטין.

גרייט זיך צו בירגערשאַפט, כדי איהר זאָלט קאָנען נעמען אויף זיך די פליכטען און זיך באַנוצען מיט די פריווילעגיעס פון אַ בירגערין פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

zens or who have not taken out their first papers. In one or two states a person who is not a citizen may not own a dog or a gun.

If a woman who is not a citizen wishes to leave this country to travel abroad, she must—before she leaves the United States—obtain permission to come back; otherwise she may find herself locked out because of the Immigration Law. Even if she has obtained the necessary permit from the Department of Labor in Washington to reenter this country, she may only stay away for six months or one year. If she stays away any longer than her permit allows, she will not be able to return to the United States, except as an immigrant.

Prepare for citizenship so that you may assume the responsibilities and enjoy the privileges of being a citizen of the United States.

וועגען בירגערשאַפט און שטימען

איהר מוזט געדענקען, אַז עס איז פאַראַן אַן אונטער־שייד צווישען זיין אַ בירגער און האָבען דאָס רעכט צו שטימען (וואוטען). אַ סך מענשען דאָ אין לאַנד זיינען בירגער און דאָך קאָנען זיי זיך ניט באַנוצען מיט שטימ־רעכט. קינדער זיינען בירגער פון די פאַראייניגטע שטאַטען, אָבער זיי קאָנען ניט שטימען ביז זיי ווערען ניט אַלט 21 יאָהר. אין דעם שטאַט ניו יאָרק קאָן קיין בירגער ניט שטימען ביז ער מאַכט ניט דורך אַן עקזאַמען און באַווייזט, אַז ער קען לייענען, שרייבען און פאַר־שטעהן ענגליש. אין אַנדערע שטאַטען קאָנען שטימען נאָר בירגער, וואָס האָבען אייגענטום אָדער צאָהלען שטייערען. בירגערשאַפט מיינט, אַז איהר געפינט זיך אונטער'ן שוץ פון לאַנד. באַנוצען זיך מיט שטימרעכט מיינט, אַז איהר האָט דאָס רעכט צו דערוועהלען מענער און פרויען צו רעגירען דאָס לאַנד און העלפען מאַכען די געזעצען.

עס איז וויכטיג, איהר זאָלט זיך אויסלערנען לייענען און שרייבען, כדי איהר זאָלט קאָנען שטימען. איהר קאָנט ניט האָבען קיין דעה אין דער פאַרוואַלטונג פון אייער שטאָט אָדער לאַנד, סיידען איהר שטימט. שטימ־רעכט איז פונקט אַזוי וויכטיג פאַר מענער, ווי עס איז פאַר פרויען, ווייל פרויען, פונקט ווי מענער, זיינען פאַר־אינטערעסירט אין גוטער רעגירונג. זיי ווילען האָבען גוטע לעהרער אין די שולען, אין וועלכע זיי שיקען זייערע קינדער. זיי ווילען האָבען ריינע גאַסען, ריין מילך, ריין וואַסער און ריינע שפּייז. זיי ווילען דורכאויס, אַז אין

Citizenship and the Vote

You must remember that there is a difference between being a citizen and being permitted to vote. Many people are citizens of this country, but they may not enjoy the franchise. Children are citizens of the United States, but they may not vote until they are 21 years of age. In New York State no citizen may vote unless he can pass an educational test showing he can read, write and understand English. In other states only citizens who own property or pay taxes may vote. Citizenship or nationality means you are under the protection of this country. Enjoying the franchise means you have the power to elect men and women to govern this country, and assist them in making the laws.

It is important that you learn to read and write, so you may have the privilege of voting. You can have no voice in the management of your city or your country unless you vote. The vote means as much to

זייערע שטאַטען זאָלען דורכגעפיהרט ווערען גוטע קינ־
דער אַרבייט געזעצען. זיי ווילען, אַז עס זאָלען געשלאָסען
ווערען גוטע אָפּמאַכען און איינגעשטעלט ווערען די בעס־
טע באַציהונגען צווישען אונזער לאַנד און די אַנדערע
לענדער אויף דער וועלט. זיי זיינען פאַראינטערעסירט
אין ש ל ו ם. עס דאַרף זיין דער אידעאַל פון יעדען
בירגער, מאַן אָדער פרוי, צו באַטייליגען זיך אין די
פאַראַנטוואָרטליכקייטען פון אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג.

נאָכדעם ווי איהר זייט געוואָרען אַ
בירגערין, גרייט זיך צו צו אייער
שטימרעכט. אייער שטים איז וויכ־
טיג, אויב איהר באַנוצט זיך מיט
אייער שטימרעכט ווי אַ פאַרשטענ־
דיגע פערזאָן.

women as it does to men, for women as well as men are interested in good government. They desire good teachers for the schools to which they send their children. They want clean streets, pure milk, pure water and pure food. They are eager to see that good child labor laws are passed in their states. They desire good treaties to be made and happy relations to be established between our country and other countries in the world. They are interested in **peace.** It should be the ideal of every citizen—man or woman—to share in the responsibilities of a democratic government.

After you have become a citizen prepare yourself to qualify as a voter. Your vote is valuable if you use it properly.

ווילט איהר ווערען אַ נוצליכע בירגערין?

אַ סך אָרגאַניזאַציעס, קהל'שע אַזוי גוט ווי פּריוואַטע, זיינען גרייט אייך צו העלפען זיך צוגרייטען פאַר בירגערשאַפט. די אָנפאַנג שולען, די סעטעלמענטס, די ניי־באָרהוד הייזער, — זיי אַלע האָבען קלאַסען, בייטאָג און אין אָווענט, אין וועלכע איהר זייט ווילקאָמען. געהט אַהין. אויב איהר האָט קליינע קינדער, וועלכע איהר קאָנט ניט איבערלאָזען אין דער היים, נעמט זיי מיט. מען וועט אויף זיי אַכטונג געבען אין קינדערגאָרטענס, אין דער צייט ווען איהר זייט אין קלאַס. דער „ניישאָנעל קאָונסיל אָוו דזשואיש ווימען" האָט אָרגאַניזירט קלאַסען פאַר ענגליש און בירגערשאַפט אין יעדער שטאָט פון לאַנד פאַר פרויען, וואָס ווילען ווערען בירגערינס. אויב איהר ווילט האָבען מעהר ידיעות וועגען אַזעלכע קלאַסען, שרייבט צום:

דעפּאַרטמענט אָוו אימיגראַנט אייד,
די ניישאָנעל קאָונסיל אָוו דזשואיש ווימען,
799 בראָדוויי, ניו יאָרק

דער דעפּאַרטמענט וועט מיט פאַרגעניגען אייך אָנווייזען אויף די געהעריגע קלאַסען אין אייער שטאָט. באַזוכט די קלאַסען רעגעלמעסיג, אפילו ווען איהר זאָלט צוליב דעם דאַרפען אַרבייטען דערנאָך שווערער אין דער היים. איהר וועט פאַר דעם גוט באַלוינט ווערען. אַ נייע וועלט וועט זיך פאַר אייך עפענען. איהר וועט איינזעהן, אַז איהר זייט אַ מענש, ניט נאָר אַ שווערע אַרבייטערין אין דער קיך, וואָס סקראָבעט און וואַשט און קאָכט און האָט קיינמאָל ניט קיין דרויסענדיגע אינטערעסען אָדער

Do You Wish to Become A Useful Citizen?

Many organizations—public and private—are eager to help you prepare yourself for citizenship. The Public Schools, the settlements and neighborhood houses near your home, all have day and evening classes to which they invite you. Go to them. If you have little children whom you cannot leave at home, take them with you; they will be cared for in kindergartens while you attend your class. The National Council of Jewish Women have organized English and citizenship classes in every city in this country for women who wish to become citizens. If you wish information about these classes, write to:

Department of Immigrant Aid,
The National Council of Jewish Women,
799 Broadway, New York City

This Department will be glad to refer you to the proper classes in your city. Attend these classes regularly, even if it means

פאַרגעניגענס. איהר וועט זיין שטאָלץ, ווען איהר וועט קענען לייענען די לעהרביכער און רעפּאָרטס פון אייערע קינדער. און אייער מאַן און אייערע קינדער וועלען זיין שטאָלץ מיט אייך!

קומט אָן אין אַ קלאַס פאַר ענגליש אין אייער געגענט. איהר וועט דער־פון האָבען גייסטיגען, אַזוי גוט ווי געזעלשאַפטליכען פאַרגעניגען.

that you must work harder when you come home. You will feel well repaid. You will find a new world opened for you. You will realize you are a human being, not merely a kitchen drudge—always scrubbing and washing and cooking, and never having any outside interests or pleasures. You will be proud of yourself when you can read your children's school books and reports. And your husband and children will be proud of you too!

Join an English class in your neighborhood. You will derive mental as well as social pleasure from attending such a class.

געדענקט: אַלס בירגערין, האָט די פרוי אַ סך פּריווילעגיעס און נוצען

זי ווערט באַשיצט פון דער רעגירונג פון די פּאַראייניגטע שטאַטען סיי דאָ און סיי ווען זי פאָהרט אַרום אין אויסלאַנד.

זי מעג שטימען.

זי מעג האַלטען אַן אַמט.

זי איז איהר מאַנ׳ס גלייכען און איהרע שכנים׳ס גלייכען אין די אויגען פון געזעץ, און זי ווערט פון זיי רעס־פּעקטירט.

זי באַקומט געלעגענהייטען זיך צו אַנטוויקלען, און איהר לעבען ווערט אינטערעסאַנטער.

זי איז מעהר ניט קיין פרעמדע אימיגראַנטין.

זי איז ביי זיך אין דער היים.

זי איז אַ בירגערין, אַן אַמעריקאַנערין לויט איהר אייגע־נעם פאַרלאַנג.

לערנט ענגליש.

ווערט אַן אַמעריקאַנער בירגערין.

גרייט אייך צו שטימען.

און שטימט ווי אַ פאַרשטענדיגער מענש.

Remember—As A Citizen

A Woman Enjoys Many Privileges and Advantages

She is protected by the United States Government both here and when traveling abroad.

She may vote.

She may hold office.

She is the equal of her husband or her neighbors in the eyes of the law and thus gains their respect.

She is given opportunities to develop herself, and to broaden her interests in life.

She is no longer an alien.

She is at home.

She is a citizen—an American by choice.

LEARN ENGLISH.
BECOME AN AMERICAN CITIZEN.
QUALIFY FOR THE VOTE
AND VOTE INTELLIGENTLY.

Copyright 1926
NATIONAL COUNCIL OF JEWISH WOMEN

גרייטען זיך פאַר נאַטוראַליזאַציע

אַ קלאַס אונטער דער אויפזיכט פון דער לאָס אַנדזשעלעס סעקציע פון נײשאָנעל קאונסיל אָוו דזשואיש ווימען.

איינער פון די 52 ענגלישע קלאַסען

אונטער דער אויפזיכט פון דער ניו יאָרקער סעקציע פון נײשאָנעל קאונסיל אָוו דזשואיש ווימען